אידיש

בסייעתא דשמיא




# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

פרשת נשא תשפ"ב • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 264

## אמרות שמשון

### ערקלערונג אינעם לשון 'לו יהיה' • חז"ל האבן צוגעלייגט א חיוב תרומה אין בבל און מצרים

**וְכָל תְּרוּמָה לְכָל קָדְשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יַקְרִיבוּ לַכֹּהֵן 'לוֹ יִהְיֶה'. וְאִישׁ אֶת קֳדָשָׁיו 'לוֹ יִהְיוּ' אִישׁ אֲשֶׁר יִתֵּן לַכֹּהֵן 'לוֹ יִהְיֶה'** (ה, ט - י): מען קען ערקלערן פשט אינעם פסוק פארוואס די תורה באנוצט זיך דריי מאל מיטן לשון **'לו יהיה'**?

**דער** 'רמב"ם' אין 'הלכות תרומות' (פרק א הלכה א') שטעלט אוועק די ערטער ווי מען איז מחיוב צו געבן תרומה פארן כהן, וזה לשונו: **התרומות והמעשרות אינן נוהגות מן התורה אלא בארץ ישראל וכו', ונביאים התקינו שיהיו נוהגות אף בארץ שנער מפני שהיא סמוכה לארץ ישראל וכו', וחכמים הראשונים התקינו שיהיו נוהגות אף בארץ מצרים ובארץ עמון ומואב וכו'** עכ"ל.

**'מן** התורה' איז מען נאר מחיוב צו געבן תרומות און מעשרות אין ארץ ישראל, די 'נביאים' האבן צוגעלייגט א חיוב מען זאל אויך געבן אין 'שנער' (בבל), און די 'חכמים הראשונים' האבן צוגעלייגט א חיוב צו געבן אויך אין 'מצרים'.

**קען** מען פארטייטשן, די תורה וויל מרמז זיין אינעם פסוק מיטן איבער'חזר'ען דריי מאל דאס ווארט 'לו יהיה', צו מרמז זיין די דריי פלעצער וועלכע דער כהן וועט באקומען תרומה. דאס וועט נישט זיין נאר אין ארץ ישראל, נאר אויך אין צוויי אנדערע פלעצער 'בבל' און 'מצרים' וועלכע חז"ל האבן שפעטער צוגעלייגט. (פרשתינו אות ב')

### הערליכן ביאור איבער די עבודות פון שבט לוי צוטיילט לויט די משפחות • דיוקים אין די לשונות פון פסוקים • 'צבא' טייטשט ווילן • בני קהת זענען אלע געלאפן טראגן דעם ארון

**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם וגו' כָּל הַבָּא לִצְבֹא צָבָא לַעֲבֹד עֲבֹדָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד** (ד, כב-כג): די תורה צוטיילט די עבודות פון שבט לוי אין דריי טיילן, וואס דאס איז צוגעטיילט געווארן צו די דריי משפחות פון שבט לוי, 'גרשון', 'קהת' און 'מררי'. מען קען ערקלערן די באזונדערע לשונות וואס די תורה דרוקט זיך אויס ביי יעדע משפחה, און ערקלערן ווי אזוי דאס איז געוואנדן לויט זייער ארבעט.

**די** 'סדר עבודות' פון שבט לוי איז געווען ווי פאלגנד:

**בני קהת:** זיי האבן געהאט די חשוב'סטע ארבעט, צו שלעפן די ארון, מנורה, שלחן, מזבח וכו'. צוליב די הייליגקייט פון די זאכן וואס זיי האבן געטראגן, האבן זיי זיך בכלל נישט באנוצט מיט וועגענער, זיי האבן אלעס געטראָגן מיט די אַקסלען. דער פסוק דרוקט זיך אויס (ד, ג), **'כָּל בָּא לַצָּבָא לַעֲשׂוֹת מְלָאכָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד'**.

**בני גרשון:** זיי זענען געווען א שטאַפּל אונטער בני קהת, (פארט איז זייער עבודה געווען הייליגער פון בני מררי), זייער ארבעט איז געווען צו טראָגן די יריעות המשכן, מיינסטנס איז דאס געטראָגן געווארן מיט די אקסלען, אבער זיי האבן פארמאגט צוויי וועגענער. דער פסוק דרוקט זיך אויס (ד, כג), **'כָּל הַבָּא לִצְבֹא צָבָא לַעֲבֹד עֲבֹדָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד'**.

**בני מררי:** זייער ארבעט איז געווען צו שלעפן די קרשים א.ד.ג. מיינסטנס איז דאס געטראגן געווארן מיט וועגענער, און פאר דעם צוועק האבן זיי פארמאגט פיר וועגענער. דער פסוק דרוקט זיך אויס (ד, ל), **'כָּל הַבָּא לַצָּבָא לַעֲבֹד אֶת עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד'**.

**דארף** מען פארשטיין עטליכע הערות:

**פארוואס** שטייט די לשון **'כל בא'** ביי בני קהת, און **'כל הבא'** ביי בני גרשון און בני מררי?

**פארוואס** שטייט די לשון **'לעשות מלאכה'** ביי בני קהת, און די לשון **'לעבד עבדה'** ביי בני גרשון און מררי?

**פארוואס** שטייט די לשון **'לצבא צבא'** ביי בני גרשון, און די לשון **'צבא'** ביי בני קהת און מררי?

**פארוואס** שטייט די לשון **'גם הם'** ביי בני גרשון, אויף וועלכע ענין גייט דאס ארויף?

**פארוואס** שטייט די לשון **'כל הבא'** ביי בני מררי, די זעלבע לשון פון בני גרשון. אבער עס שטייט אויך די לשון **'לצבא'** וואס דאס איז די זעלבע לשון פון בני קהת?

**קען** מען ערקלערן אז די אלע לשונות איז געוואנדן לויט די צוגאנג פון יעדע משפחה צו זייער עבודה.

**עס** ווערט געברענגט אין 'מדרש' (בראשית רבה י, ו), די ווארט **'צבא'** באדייט 'א ווילן און גלוסטעניש צו א געוויסע זאך'.

**נאך** געפונען מיר אין 'מדרש' (במדבר ה, א), **'אַל תַּכְרִיתוּ אֶת שֵׁבֶט מִשְׁפְּחֹת הַקְּהָתִי'** (במדבר ד, י"ח) - **רבי שמואל בר נחמן אומר, אף על פי שהארון היה מכלה בהם היו נותנים נפשם על הארון, ולמה מזהיר עליהם אל תכריתו וכו', אלא מפני שהיו יודעים שכל מי שטוען בארון שכרו מרובה היו מניחים השלחן והמנורה וכולן רצין אל הארון ליטול שכר ומתוך כך היו מריבים, ומתוך שהיו נוהגים בקלות ראש היתה השכינה פוגעת בהם, ולכן אמר האלוקים למה עשה להם תקנה וזה עשו להם וכו'.**

» די המשך און עמוד ב'

## עושין סעודה לגומרה של תורה

**די סיבה** פארוואס מען פירט זיך צו מאכן א סעודה ווען מען ענדיגט א מסכת, וויבאלד די תורה הקדושה איז גלייך אזוי ווי כלה וואס מען באצירט מיט צירונגן, (ועיי"ש, וכדאיתא במדרש שמות רבה מא, ה). אויב אזוי וואלט מען לכאורה געדארפט מאכן א סעודה און א שמחה ווען מען פאנגט אן א מסכת, אזוי ווי מען מאכט א שמחה ווען די כלה קומט אריין אין שטוב. נאר מ'קען דאס ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין גמרא (קידושין ז.), **'חציך מקודשת לי אינה מקודשת'**. אויב איינער איז מקדש א פרוי נאר האלב, איז זי נישט מקודשת. דאס זעלבע איז ווען מען לערנט א מסכת, ווילאנג מען האט נאכנישט געענדיגט די מסכת איז כאילו די קידושין איז נאר טיילווייז חל, נאר ווען מען ענדיגט די מסכת און מען האט די גאנצע מסכת אין האנט איז חל די גאנצע קידושין, און מען מאכט א סעודה לגומרה של תורה.

(אות י"א)

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה ולהצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מדים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

'קול זרע שמשון'
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

תורמים ונושעים
ארץ ישראל 02-80-80-500
ארה"ב 347-496-5657
או באתר: www.zerashimshon.co.il
כולם זוכים! קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת

לעילוי נשמת
האשה החשובה בעלת צדקה וחסד
מרת ברכה איידל רחל זילבערבערג ע"ה
בת הרב הגאון רבי חיים יעקב ישראל ברגר זצ"ל אבד"ק קליוולנד
נלב"ע ב' דיו"ט שבועות ז' סיון תשס"ב ת.נ.צ.ב.ה.

**בני** קהת האבן געהאט די אויפגאבע צו טראָגן די 'ארון ברית ה'". זיי האבן אלע געוואוסט דער גרויסע שכר וואס מ'באקומט פאר'ן טראגן דעם ארון, דעריבער פלעגן זיי אפלאזן אלע אנדערע זאכן וואס זיי האבן געדארפט טראָגן (מנורה, שלחן, מזבח, וכו'), און אלע זענען געלאפן טראגן דעם ארון. דאס האט צוגעברענגט מחלוקת און שלעגעריי און זיי האבן זיך אויפגעפירט מיט 'קלות ראש' (לייכטזיניגקייט) ארום די ארון ה', וואס דאס האט גורם געווען זיי זאלן געשעדיגט געווארן פונעם שכינה וואס האט דארט גערוט. דעריבער האט דער אויבערשטער באפוילן משה רבינו זאל מאכן סדר און אויסשטעלן יעדעם איינער אויף זיין ארט.

**קומט** אויס לויט דעם מדרש, ווען בני קהת זענען געקומען צונעמען דעם משכן זענען זיי נישט צוגעגאנגען מיט א כוונה אז מ'גייט דא צונעמען דעם משכן און טון די עבודה וואס זיי זענען באפוילן געווארן, נאר יעדער איינער איז געגאנגען גלייך מיט א כוונה צו טראגן דעם ארון ברית ה'.

**דעריבער** שטייט נישט אין פסוק א לשון 'עבודה' וויבאלד זיי זענען נישט געקומען טון דא זייער ארבעט, נאר צו איין צוועק 'טראגן דעם ארון', דערפאר שטייט אין פסוק די לשון "**לעשות מלאכה**" וואס 'מלאכה' באדייט מ'ארבעט צו באקומען באצאלט און פארדינען, זיי האבן געטון די 'מלאכה' צו פארדינען שכר פון טראגן דעם ארון ה'.

**וויבאלד** עס איז נישט געווען שייך פאר גאנץ בני קהת יעדער איינער זאל טראגן דעם ארון, דערפאר שטייט אין פסוק "**כל בא**" וואס באדייט 'כל הקודם זכה', ווער עס קומט פריער האט זוכה געווען מיט דער גרויסע זכות פון טראגן דעם ארון, און די איבריגע זענען געגאנגען צו די אנדערע כלי הקודש, שלחן, מנורה, מזבח וכו'.

**אבער** צו די אנדערע עבודות זענען זיי נישט געגאנגען מיט זייער גאנצע הארץ, זייער עיקר 'צבא' - 'רצון', איז אויסדריקליך געווען אויפן ארון ה', דעריבער שטייט נישט א לשון "לצבא צבא" וואס דאס איז א לשון פון ווילן, וויבאלד עס האט געפעלט דעם ריכטיגן רצון פאר דער עבודה.

**דאקעגן** בני גרשון, ווערט געברענגט אין 'כלי יקר', די זאכן וואס זיי האבן געטראגן איז געווען הייליגער פון וואס בני מררי האט געטראגן, (רוב זאכן האבן זיי געטראגן מיטן אקסעל, און מררי האט געטראגן מיט וועגענער), דעריבער שטייט "נשא את ראש בני גרשון **גם הם**" זיי זענען געווען עטוואס גלייך צו בני קהת מיט זייער עבודה.

**און** די אלע זאכן וואס בני גרשון האבן געטראגן האט געהאט דאס זעלבע אייניגע קדושה, ס'איז נישט געווען זאכן וואס איז געווען מער הייליג (דאקעגן בני קהת האבן געהאט דעם ארון), דעריבער זענען אלע געגאנגען מיט דער זעלבע כוונה צו טון זייער עבודה מיט גאנצע שלימות און ווילן, דערפאר שטייט אין פסוק "**לצבא צבא**" - "**לעבוד עבודה**" זייער ווילן איז געווען אויף די גאנצע עבודה וואס זיי האבן געדארפט טון.

**בני** מררי, זייערע זאכן האבן נישט געהאט דאס זעלבע קדושה דעריבער שטייט "**לצבא**" און נישט "לצבא צבא" וויבאלד זיי האבן נישט געהאט דער מורא'דיגע רצון און תשוקה צו טון זייער עבודה אזוי ווי בני קהת און בני גרשון (וויבאלד זייערע זאכן זענען נישט געווען אזוי הייליג), פונדעסטוועגן זענען זיי געגאנגען טון זייער פולע עבודה דעריבער שטייט "**לעבד את עבדת**". און עס שטייט נישט "כל בא" אזוי ווי בני קהת וואס דארט איז געווען כל הקודם זכה. (פרשתינו אות א')

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

**עס פארציילט הרב מ. ט. ג. הי"ו פון ירושלים:**

### די פונקטליכע סומע אין די פונקטליכע צייט

**דעם** פארלאפענעם זומער איז מיר געווען זייער א שווערע זומער אין פרנסה, עס איז מיר אונטערגעקומען פארשידענע הוצאות, מיט וואס איך האב זיך געדארפט ספראווען גענצליך אומגעראכטן, און דאס האט מיר אומוועלנדיג אריינגעדרייט אין פארשידענע הלוואות און חובות, ווערנדיג דערשטיקט פון אלע זייטן.

**היות** איך בין א אחריות'דיגער מענטש, האב איך גענומען די פולסטע פאראנטווארטליכקייט אויף מיינע חובות וואס איך האב געדארפט צוריקצאלן, און איך האב געטון פארשידענע פעולות צו קענען באצאלן מיינע חובות ווי אמשנעלסטן.

**דערביי** האב איך אויך געוואלט טון עפעס א רוחניות'דיגע השתדלות וואס זאל מיר צוגעבן זכותים, אז איך זאל בס"ד קענען ארויסקריכן פון מיין שווערע לאגע.

**דעריבער** האב איך זיך אונטערגענומען צו לערנען יעדן טאג דער ספר 'זרע שמשון', וואס איז מסוגל פאר ישועות, אזוי ווי דער מחבר זאגט צו אין די הקדמה פונעם ספר. און וועלנדיג פארשטערקערן מיינע זכותים האב איך צוגעזאגט א שיינע סכום כדי צו פארשפרייטן תורת הזרע שמשון, כדי די זכות זאל מיר ביישטיין פאר א ישועה.

**איך** האב זיך דעמאלטס געזעצט מאכן סדר מיט די געלט, מאכנדיג א פונקטליכע חשבון וויפיל געלט איך דארף באצאלן, און וויפיל עס פעלט פון די חודש'ליכע הוצאות, און דאס געלייגט אין א זייט, ווארטנדיג אויף די ישועת ה'.

**צוויי** טעג שפעטער, נאך איידער איך האב געהאט די געלעגנהייט צו אריבערפירן די געלט פאר 'מכון זרע שמשון', האט מען מיר אנגעטראגן זייער א שיינע פאסטן, וואס איז פארבינדן מיט הרבצת התורה, צוזאמען מיט א שיינע מתן שכרה בצדה. טראץ וואס איך האב געדארפט האבן אסאך מער פון דעם כדי זיך צו קענען שטעלן געזונטערהייט אויף די פוס, עס איז געווען אבער א גוטע אנהייב.

**עטליכע** טעג שפעטער בין איך אנגעקומען צו אריבער פירן די געלט וואס איך האב צוגעזאגט פאר 'מכון זרע שמשון', און געבעטן דעם באשעפער ער זאל מיר צוהעלפן אז די זכות זאל מיר ביישטיין צו געהאלפן ווערן, אויף א גרינגע און לייכטע אופן.

**יענעם** טאג - נאכדעם וואס איך האב אריבערגעפירט די געלט - באקום איך א אומגערישטע טעלעפאון קאל פון א אלטע ידיד פון אמעריקע, וועמען איך האב שוין נישט גערעדט א לאנגע צייט, און ער פארציילט מיר אז ער האט לעצטנס זוכה געווען צו גאר א גרויסע ישועה, און אלץ שבח והודי' צום באשעפער האט ער באשלאסן אז ער וויל געבן א גרויסע סומע געלט פאר א איד אין ארץ ישראל וואס זיצט און לערנט, און ער וויל אים מהנה זיין אויף א שיינע פארנעם.

**פארציילט** דער אמעריקאנער איד, ווען איך האב געטראכט פאר וועמען איך קען געבן די געלט אין ארץ ישראל, איז מיר פונקט ארויף געקומען דיין נאמען, וואוסנדיג און דו קענסט נוצן אביסל איבעריגע געלט, דעריבער האב איך באשלאסן אז איך וועל דיר שענקן די געלט.

**ווען** דער איד האט מיר געזאגט די סומע וואס ער וויל מיר געבן, בין איך ממש אויפגעשפרינגען פון ארט, דאס איז געווען פונקטליך די סומע וואס איך האב זיך געהאט פארשריבן עטליכע טעג צוריק, וואס איך דארף האבן כדי צו קענען דעקן די לעכער פון די חובות!

**הרב ג. פארענדיגט זיינע ווערטער: איך האב געזען ממש בחוש, ווי דער הייליגער זרע שמשון האט מיר אונטערגעשיקט, די פונקטליכע סומע וואס איך האב געדארפט האבן, און האט עס געשיקט פונקט אין די ריכטיגע צייט, ווען איך האב באצאלט די סכום וואס איך האב צוגעזאגט להפצת תורת הזרע שמשון. זי"ע.**


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120